ב"ה

# טעראפּי

- ענקזייעטי
- דיפרעסיע
- פאביעס
- עדיקשאָנס
- או.סי.די.
- פאניק אטאקעס
- סעלף קאנפידענס
- א.ד.ג.

גליון 42

געקליבענע בריוון פון ספר עצתו אמונה - ארויסגעגעבן דורך מוסדות היכל הקודש ברסלב - בנשיאות הראש ישיבה שליט"א

## ווי אזוי שטארק מען זיך, נישט צו הערן נייעס?

*לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,*

*אפשר קען דער ראש ישיבה שליט"א מיר געבן חיזוק אויף דעם ענין נישט צו הערן קיין נייעס? ווייל אפילו איך האב שוין א לאנגע צייט נישט נאכגעלאנגען אדער געהערט נייעס, קען איך אבער יעצט זיך נישט איינהאלטן, ווייל עס ציעט מורא'דיג מיטצוהאלטן די נייעס פון די מלחמה אין ארץ ישראל, אבער למעשה דערשרעקט עס מורא'דיג שטארק.*

*יישר כח*

**תשובה מאת הראש ישיבה שליט"א:**

בעזרת ה' יתברך - יום ב' פרשת נח, ב' דראש חודש מר-חשון, שנת תשפ"ד לפרט קטן

לכבוד ... נרו יאיר. איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

עס איז נישט גוט צו הערן און קוקן נייעס, **ווייל ווי מער מען הערט די נייעס - פארגעסט מען אז דער אייבערשטער פירט אלעס און מאכט אלעס;** נישט די לאנד און נישט דער פירער, נאר דער אייבערשטער אליין; ביז מען ווערט זייער דערשראקן.

חזר זיך אמונה - וועסטו נישט האבן קיין שרעק; "אין עוד מלבדו" - נעמט אוועק אלע שרעק, שרעק קומט ווען מען פארגעסט פונעם אייבערשטן. דער רבי זאגט (ספר המדות אות פחד, סימן כה): "כְּשֶׁשּׁוֹכְחִים אֶת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ וְאֵינָם נִשְׁעָנִים עָלָיו, עַל יְדֵי זֶה מִתְפַּחֲדִים מֵאֻמּוֹת", ווען מען פארגעסט פונעם אייבערשטן ווערט מען דערשראקן פון פעלקער.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

## זאל איך בויען א בונקער זיך צו ראטעווען פון א נוקלאערע קריג?

*לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,*

*איך הער ווי יעדער רעדט אז עס קומט חס ושלום א נוקלאערע קריג מיט רוסלאנד, אפילו די מקובלים זאגן שוין אויך אזוי, איך בין זייער נערוועז דערפון און איך קען נישט איינשלאפן ביינאכט, יעדעס מאל וואס איך הער עפעס אן אלארם ווער איך דערשראקן, איך טראכט צו בויען א בונקער אונטער מיין הויז, אבער איך ווייס נישט אויב עס וועט מיך העלפן.*

*יישר כח*

**תשובה מאת הראש ישיבה שליט"א:**

בעזרת ה' יתברך - יום ד' פרשת וירא, ט"ו מר-חשון, שנת תשפ"ג לפרט קטן

לכבוד ... נרו יאיר. איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

אינטערעסאנט אז דו ווערסט דערשראקן פון נייעס וואס איז אלץ נאר דמיונות, און פון זיכערע זאכן - ווערסטו נישט דערשראקן; דאס איז דאך זיכער אז איין טאג וועט קומען א גרויסער מלאך, אויסגעצויגן ביזן הימל, מיט אפאר טויזנט אויגן, דער מלאך וועט קומען מיט א גרויסע שווערד און צונעמען די נשמה; פון דעם מלאך קען זיך קיינער נישט ארויסדרייען, ער איז שטערקער פון יעדן איינעם; אינטערעסאנט אז פון דעם מלאך האסטו נישט מורא, דו זארגסט זיך גארנישט פאר דעם; וואלסט געדארפט פרעגן אויב דו זאלסט בויען א בונקער אונטער דיין הויז, זיך צו באשיצן פון אים.

איך בעט דיר זייער, בוי זיך א בונקער אין דיין הויז זיך צו באשיצן פון נוקלעאר און פון אלעם שלעכטס. בוי עס מיט תורה; מאך זיך א שיעור צו לערנען יעדן טאג פרקים משניות און בלעטער גמרא, אויך בוי עס מיט קאפיטלעך תהילים, דאס וועט דיר באשיצן פון אלעם שלעכטס. אזוי ווי דער הייליגער זוהר זאגט (הקדמה, דף יא.): "תָּא חֲזֵי", קום און זע, "כַּמָּה הוּא חֵילָא תַּקִּיפָא דְּאוֹרַיְיתָא", ווי שטארק איז די כח פון די הייליגע תורה, "וְכַמָּה הוּא עִלָּאָה עַל כֹּלָּא", און ווי שטארק דערהויבן איז די תורה מער פון אלעס, "דְּכָל מַאן דְּאִשְׁתְּדַּל בְּאוֹרַיְיתָא", ווייל דער וואס לערנט די הייליגע תורה, "לָא דָּחִיל מֵעִלָּאֵי", שרעקט זיך נישט פון אויבן, "וְתַתָּאֵי", און ער שרעקט זיך נישט פון אונטן; אז מען לערנט תורה האט מען נישט מורא - נישט פון מלאכים און נישט פון מענטשן, ווייל די תורה היט דעם מענטש פון אלעם שלעכטס. "וְלָא דָּחִיל" אויך האט מען נישט מורא, "מִמַּרְעִין בִּישִׁין דְּעָלְמָא", פון קיין שום שלעכטע פאסירונג פון די וועלט. "בְּגִין דְּאִיהוּ אָחִיד", ווייל דער וואס לערנט תורה, ער כאפט זיך אן - "בְּאִילָנָא דְחַיֵּי", אינעם עץ החיים, די בוים פון לעבן - "וְיָלִיף מִינֵּיהּ בְּכָל יוֹמָא", דאס מיינט מען דעם אייבערשטן; דער וואס לערנט תורה כאפט זיך אן כביכול אינעם אייבערשטן אליינס.

"דְּהָא אוֹרַיְיתָא", ווייל די תורה, "תּוֹלִיף לְבַר נָשׁ", לערנט דעם מענטש - "לְמֵיזַל בְּאֹרַח קְשׁוֹט", צו גיין אויף אמת'דיגע וועגן, "תּוֹלִיף לֵיהּ עֵיטָא", עס לערנט דעם מענטש עצות, "הֵיךְ יָתוּב קַמֵּי מָארֵיהּ", ווי אזוי זיך צוריק צו קערן צום אייבערשטן; אפילו ווער עס איז געפאלן אין בלאטע, ער טוט נעבעך עבירות, אויב וועט ער לערנען די הייליגע

תורה - וועט די תורה אים ווייזן די וועג ווי אזוי ארויס צו קריכן פון בלאטע, ווי אזוי צו ווערן אן ערליכע איד, "לְבַטְּלָא הַהִיא גְּזֵרָה", און צו מבטל זיין גזירות.

"דְּאֲפִילוּ אִתְגְּזַר עֲלֵיהּ דְּלָא יִתְבַּטֵּל הַאי גְּזֵרָה", אפילו ווען עס איז נגזר געווארן א גזירה אויף די גזירה, אז מען וועט נישט קענען מבטל זיין די גזירה, "מִיַּד אִתְבַּטֵּל וְאִסְתָּלַּק מִנֵּיהּ", דורך תורה וועט די גזירה יא בטל ווערן, "וְלָא שַׁרְיָא עֲלֵיהּ דְּבַר נָשׁ בְּהַאי עַלְמָא", און די גזירה וועט נישט זיין אויף אים, "וּבְגִין כָּךְ", דערפאר - "בָּעֵי לֵיהּ לְבַר נָשׁ לְאִשְׁתַּדְּלָא בְּאוֹרַיְתָא", דארף מען לערנען די הייליגע תורה, "יְמָמָא וְלֵילֵי", בייטאג און ביינאכט, "וְלָא יִתְעֲדֵי מִינָהּ", און זיך נישט אפלאזן פון די תורה, "הֲדָא הוּא דִּכְתִיב", אזוי ווי עס שטייט אין פסוק (יהושע א, ח): "וְהָגִיתָ בּוֹ", זאלסט לערנען די תורה, "יוֹמָם וָלַיְלָה", בייטאג און ביינאכט. "וְאִי אִתְעֲדֵי מִינָהּ דְּאוֹרַיְיתָא", ווייל אויב מען לערנט נישט די הייליגע תורה, "אוֹ אִתְפְּרַשׁ מִינָהּ", אדער מען שיידט זיך אפ פון גיין אין די וועג פון די תורה, "כְּאִלוּ אִתְפְּרַשׁ מֵאִילָנָא דְחַיֵּי", איז דאס אזוי ווי מען שיידט זיך אפ פונעם אייבערשטן אליינס; עיין שם.

הער נישט קיין נייעס - וועסטו לעבן א חיים טובים.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

## וואס טו איך מיט מיין בחור וואס מאכט מיר אוועק כסדר?

*לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,*

*איך האב א פראבלעם וואס שטערט מיך*
*זייער, מיין זון - אן ערוואקסענער בחור - שרייט אויף מיר און קריטיקירט מיך אויף יעדע קליינע זאך, וואס ער קען טרעפן אז איך פיר זיך עפעס נישט אויף ווי די הלכה איז לויט זיין פארשטאנד, וועט ער מיר גלייך פארהאלטן, און ער האלט מיך אין איין אוועקמאכן. וואס טו איך?*

*יישר כח*

**תשובה מאת הראש ישיבה שליט"א:**

בעזרת ה' יתברך - יום א' פרשת ברכה, י"ג תשרי, שנת תשפ"ב

לפרט קטן

לכבוד ... נרו יאיר. איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

האסט זיך אביסל צו שפעט אויפגעוועקט; חינוך הייבט זיך אן ווען די קינדער זענען גאר קליין, ווען זיי זענען צוויי יאר, דריי יאר, פיר יאר - דעמאלט איז צייט זיי אויסצולערנען ווי אזוי מען רעדט צו טאטע מאמע.

זייער אסאך מאכן דעם טעות, מען לאזט די קליינע קינדער אויפוואקסן קרום, מען לאזט זיי ענטפערן די עלטערן מיט חוצפה, מען זאגט 'יעצט זענען זיי נאך קליין, מען דארף זיי נישט מחנך זיין', און שפעטער ווען די קינדער וואקסן אויף - האט מען צער פון זיי.

אויב דו האסט נאך קליינע קינדער זאלסטו שוין אנהייבן זיי מחנך זיין ווי אזוי מען רעדט צו טאטע מאמע; שלמה המלך זאגט (משלי כג, יג-יד): "אַל תִּמְנַע מִנַּעַר מוּסָר", האלט זיך נישט צוריק פון זאגן מוסר פאר דיין קינד ווען ער איז יונג, "כִּי תַכֶּנּוּ בַשֵּׁבֶט, לֹא יָמוּת", האב נישט מורא אים צו שלאגן, ער וועט נישט שטארבן פון א פאטש, "אַתָּה, בַּשֵּׁבֶט תַּכֶּנּוּ", דו זאלסט אים שלאגן, "וְנַפְשׁוֹ, מִשְּׁאוֹל תַּצִּיל", אזוי וועסטו אים ראטעווען פון גיהנום.

יונגע קינדער דארף מען מחנך זיין צו פאלגן טאטע מאמע, קינדער דארפן וויסן אז א טאטע זאגט יא איז יא, אז א מאמע זאגט ניין איז ניין, און אז דאס קינד פאלגט נישט - גיבט מען קליינע פעטשעלעך, אזוי ראטעוועט מען דאס קינד פון שלעכטס, אזוי וואקסן זיי אויף געזונט.

יעצט מיט דיין בחור איז שוין אביסל שפעט, יעצט דארפסטו שוין ארבעטן מיט חכמה; ווען ער פירט זיך אויף נישט דרך ארץ'דיג זאלסטו אים זאגן: "מען טאר נישט אזוי רעדן צו א טאטע".

**זייער אסאך מאכן דעם טעות, מען לאזט די קליינע קינדער אויפוואקסן קרום, מען לאזט זיי ענטפערן די עלטערן מיט חוצפה, מען זאגט 'יעצט זענען זיי נאך קליין, מען דארף זיי נישט מחנך זיין', און שפעטער ווען די קינדער וואקסן אויף - האט מען צער פון זיי.**

גרינגער וועט דיר זיין זיך אנצונעמען פאר דיין ווייב; **ווען דו הערסט אים רעדן נישט שיין צו דיין ווייב, זאלסטו אים באמערקן דערויף און זאגן: "מען קען נישט רעדן אזוי צו מאמי"**, און דיין ווייב וועט דיר העלפן, **ווען זי הערט ווי ער רעדט צו דיר נישט שיין וועט זי אים זאגן: "מען קען נישט רעדן אזוי צו טאטי"; אין יעדע פאל זאלסטו אים זאגן: "מען קען נישט רעדן אזוי צו א טאטע".**

חינוך איז פון די העכסטע זאכן ביי אידישע קינדער; ווען מען זעט זיך מיט קינדער מחוצפים, עזות פנים'ער - ווייסט מען נישט ווער איז דער פראבלעם, רוב מאל איז דאס די עלטערן'ס פראבלעם, זיי האבן נישט מחנך געווען די קינדער, און ווען מען זעט קינדער בעלי דרך ארץ - איז די קרעדיט די עלטערן'ס. שלמה המלך זאגט (משלי יג, א): "בֵּן חָכָם", א קלוג קינד, "מוּסַר אָב", איז ווייל ער האט א טאטע וואס האט אים געלערנט ווי אזוי זיך צו פירן, "וְלֵץ", און קינדער וואס זענען לצים, "לֹא שָׁמַע גְּעָרָה", איז ווייל זיי האבן נישט געהערט קיין געשריי, נאך זאגט ער (שם כב, טו): "אִוֶּלֶת, קְשׁוּרָה בְלֶב נָעַר", קינדער זענען צוגעבינדן מיט נארישע נאטורן, "שֵׁבֶט מוּסָר, יַרְחִיקֶנָּה מִמֶּנּוּ", מיט שטראף נעמט מען אוועק די נארישקייטן.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

א פרייליכן יום טוב.

**ווי אזוי קען איך מאכן אז מיין משפחה זאל מיר צוריק אננעמען?**
**דארף איך איבערבעטן מיין מאמע?**
**איז דא עפעס אן סגולה אדער עצה פאר פוילקייט?**

קוקטס ארויס אויף די קומענדיגן גליון בעז"ה!

צו באקומען די גליון וועכענטליך אויף אימעיל,
טעקסט אייער אימעיל אדרעס צו: 347.651.1218
אדער שרייבט צו: trpy458@gmail.com
**קול ברסלב 212.444.9191 / בא"י 0797040066**